הומאר ● סאטירע ●

# דער קונדס

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 15 — פרייטאג, דעם 17 יאנואר 1936




יוד פון א גאנץ יאהר: דאכט זיך מענדעלעס
„קליאטשע", נאר אנדערש געשליירט...

# קורצער פרייטאג און שבת הגדול



**קורצער פרייטאג:** זאגט מיר, פאניע שבת הגדול, איז דאס אמת, וואס די גאזעטען שרייבען, אז די קומענדיגע מלחמה וועט פארקומען אין דער לופטען?

**שבת הגדול:** הלואי!

**קורצער פרייטאג:** וואס איז דער הלואי?

**שבת הגדול:** אז מיוועט זיך שלאגען אין דער לופטען, וועלען דאך מיר אויף דער ערד כאטש זיין זיכער מיטן לעבען....

---

## די „מאסקע"
### פון א לאדזער סוחר

אין „פילהארמאניע"-זאל קומט פאר א מאסקענבאל. ס'קומען אן צו פאהרען פרויען אין מאסקעס. פאר דער טיר, שטעהען צוויי יודען, זאגט איינער צום צווייטען:

— דו ווייסט, איך געה אויך אויף דער מאסקעראדע, כ'וועל מיך פערשטעלען פאר א סוחר.

— ביזט משוגע? דער ערשטער פאליציאנט וועט דאך דיך פערהאלטען.

— פארוואס?

— מ'טאר דאך נישט געהען צווישען מענשען נאקעט....

---

## פון ג'יוואוינהייט
### נאך דער אמנעסטיע

אין דער נאס טרעפען זיך צוויי בעפרייטע, פרעגט איינער:

— איהר קענט מיך?

— א שאלה, אנ'אלטער בעקאנטער.

— אזוי? טא, וואס פאר א נומער האב איך.

## ס'וואשט פון געשעפט
### אדער א מאן — א סוחר

פרוי (צום מאן): הער, נאטאן, פאר יעדען מאל וואס איך וועל דיך כאפען פלירטעווען מיט דיין מאשינשרייבערין, וועסטו פאר יעדען מאל צאהלען 5 זל. שטראף.

מאן: מסכים, נאדיר שוין 300 זל. א קאנטע.

דייך פאדים

—X—

## טויבע סובלאקאטארען

מאטעל איז א יוד, וואס איז מעהר ארימאן ווי יוד, אז מאטעל האט אויף שבת איז ער גליקליך, אין ער א צווייטער ראטשילד.

מאטעל האט אויך א ווייב. איז דאס ווייב מיט 15 יאהר עלטער פאר איהם. ער זאגט, אז זי איז עלטער מיט 20 יאהר. קריגט מען זיך תמיד ארום; רייסט מען זיך ארום ווי צוויי קעץ אין איין זאק. און אזוי ווי פרנסה איז אויך נישטא, קריגט מען זיך נאך מעהר.

מען קאן זאגען, אז פון 24 שעה, וואס דער מעת-לעת פערמאגט, קריגט זיך מאטעל מיט זיין פרוי 19 שעה. 5 שעה שלאפען זיי, רוהען זיך אויס, זיי זאלען זיך מארגען ווייטער קאנען קריגען.

מאטעל האלט אויך צוויי סובלאקאטארען. ער מוז האלטען סובלאקאטארען, כדי ער זאל נישט דארפען צאהלען אליין דאס דירה-געלד.

זענען בידע סובלאקאטארען, וואס מאטעל האט געהאלטען, זענט ער אין מאטעל, זינט ער איז אנ'ארימאן, זינט ער קריגט זיך מיט זיין פרוי, זענען געווען טויבע.

קיין הערענדיגע סובלאקאטארען נעהמט מאטעל נישט אריין; ער זוכט אומישנע טויבע, כדי זיי זאלען נישט הערען, ווי ער קריגט זיך מיט זיין ווייב...

רעדט מען מיט מאטעלס סובלאקאטארען זאגען זיי, אז מאטעל לעבט מיט זיין ווייב ווי צוויי פערליבטע טויבען.....

ב. קאוונער

—X—

## „לינת הצדק" זאל איהם העלפען

פאר דער אלטשטאטישער שוהל, שטעהט א בעטלער. פלוצים נעהט פון דער שוהל ארויס א בעקאנטער לאדזער נגיד, א טרויסער דבר-אחר. זאגט דער בעטלער:

— ר' סרולטשע, העלפט א יוד א קאליקע!

— זאל אייך גאט העלפען!

— און אייך די פאנטאוויע פון „לינת הצדק", האט דער בעטלער געענטפערט.

## א הבטחה

גנב (צום אדוואקאט): פאניע מעצענאשע. אויב איהר וועט מיך בעפרייען, וועט איהר עס נישט בעדויערען. אונזער משפחה בעשטעהט פון עטליכע און דרייסיג פשוינדלער. אלע פון דער „בראנזשע". איהר וועט האבען ארבייט איבערן קאפ.

## נעכטען און היינט

מיט 2 וואכען צוריק, האבען מיר געפרעגט: וואס וועט אונז ברענגען דאס נייע יאהר.

איצט, פרעגט מען: וואס וועט אונז צונעהמען דאס נייע יאהר?

## אין א באלוטער שולע

לעהרער (צו א שילער): דו האסט א טאטע?

שילער: כ'האב געהאט, נאר איצט האב איך שוין נישט.

לעהרער: ער איז געשטארבען?

שילער: ניין, ער איז געווארען א האז.

## אנ'עפידעמיע, נעבעך!

לאדזער דאקטאר (צו א קאלעגע פון דער פראווינץ): נו, פאניע קאלעגע, ווי געהט עס אייך עפעס אין אייער שטעטעל?

פראווינצער דאקטאר: ביטער. ביי אונז אין שטעטעל הערשט א שטארקע געזונדהייטס - עפידעמיע.

---

## פייטעל און טרייטעל



**פייטעל:** זאג מיר טרייטעל, דו ביזט שוין אמאל געווען אין זאקאפאנע?

**טרייטעל:** אין האלט בכלל נישט פון זאקאפאנע. די אייגענע קונץ, וואס אנדערע מאכען אין זאקאפאנע, האב איך געמאכט אין לאדז.

**פייטעל:** דהיינו?

**טרייטעל:** איך בין אין לאדז א פאהר-אראפ-געגעבען פון מיין מאנופאקטור - געוועלבעל גלייך אין מושב-זקנים אריין.

---

## א טייערער הוט

ערשטע פרוי: זי' טראגען א שעהנעם הוט, וויפיל האט ער געקאסט?

צווייטע: במעט ס'גאנצע יום-טוב'דיגע געפעס.

ערשטע: וואס עפעס ס'יום-טוב'דיגע געפעס?

צווייטע: ווייל ס'חמץ'דיגע האב איך צובראכען אין מיין מאנס קאפ, פארן קויפען דעם פאקען-פאלטען.

## אהן קעפ

אנ'אמעריקאנער זשורנאליסט פרעגט איינעם פון די אביסינישע אפיצירען: פארוואס האט איהר אנ'איטאליענישען פליהער אראפגענומען דעם קאפ?

— מיר האבען איהם געמאכט ענגליך צו די איטאליענישע קריגס-פיהרער — האט דער אביסינישער אפיציר געענטפערט.

## דער טאטע מעג

יונגעלע (צו דער מוטער): מאמעשי, פארוואס לאזטו מיך נישט גלומשען אויפן אייז, און דעם טאטען דערלויבסטו זיך צו באדען אין טייך?

מוטער: דער טאטעשי מעג.

קינד: פארוואס מעג דער טאטעשי יא?

מוטער: ווייל דער טאטעשי איז אסעקורירט אויפן לעבען....

## אזוי פערדארבען!

אין א היגען רעסטאראן, גיט דער קעלנער צו דעם גאסט א יונגען קורטשאק. דער גאסט שמעקט צום קורטשאק, שאקעלט צו מיטן קאפ.

— וואס שאקעלט איהר אזוי מיטן קאפ? — פרעגט דער קעלנער.

— אזוי יונג און שוין אזוי פערדארבען — האט דער גאסט געענטפערט.

## אבי ס'איז אין ארדענונג....

דאקטאר (צו דער פרוי פון חולה): וואס מאכט מיין פאציענט?

פרוי: ער איז שוין לייידער געשטארבען.

דאקטאר: האט ער געשוויצט פארן טויט?

פרוי: דאכט זיך מיר. אז ער האט געשוויצט.

דאקטאר: אויסגעצייכענט: אויב ער האט גע-שוויצט, איז אלץ אין בעסטען ארדענונג.

